# טייַערע פֿרייַנד,

איך האָב ליב שוועדן, אָבער שוין לאַנג איז דאָס אָ לאַנד זיך צעפֿאַלן און אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די שווער־אַרבעטנדיקע מענטשן האָבן באַקומען אַן ערגערן מצבֿ.

איך האָב אַ פּלאַן אַז דאָס לאַנד זאָל ווידער זייַן שטאַרק פֿון אייַערט וועגן. איך וויל אייַנפֿירן ברייטע און פֿעסטע צוזאַמענאַרבעטן וואָס זאָלן ברענגען רעזולטאַטן און פֿאַרבעסערן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן. אין אונדזערע אומזיכערע צייַטן איז גאָר וויכטיק אייַנצושטעלן פּריאָריטעטן לויט אינטערעסן פֿון שוועדן.



איך זאָג נישט צו אַלצדינג צו יעדן איינעם. אָבער נאָך לאַנגע האַרבע יאָרן מוז איצטער קומען אייַער און אייַער משפּחהס ריי. דאָס איז מייַן צוזאָג צו אייַך.

דעם 13טן סעפּטעמבער וועט איר קענען אויסקלייַבן. איך בעט אייַער צוטרוי אָנצופֿירן מיט שוועדן כּדי צו בויען אַ לאַנד וואָס איז ווידער שטאַרק.

מאַגדאַלענאַ אַנדערסאָן
(Magdalena Andersson)

Socialdemokraterna

דאָס אָ וואַלן־העפֿטל איז פֿאַראַן אויף 17 איבערגעזעצטע שפּראַכן.

איך וויל שטימען פֿאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטן.



# איצט קומט
# אײַער רײ

אַ שטאַרקער שוועדן פֿון אײַערט וועגן

# אַ שטאַרקער שוועדן פֿון אייַערט וועגן

דעם האַרבסט וועט איר זייַן אַ שותּף בייַם באַשטימען די ריכטונג וואָס אונדזער לאַנד וועט אָננעמען. מיר זאָגן צו אייניקייט, נישט קיין צעטיילונג. מיר זאָגן צו אינוועסטירונגען, נישט קיין רעדוצירונגען. שוועדן ווערט שוין לאַנג שוואַכער און מיר ווילן ווידער פֿאַרשטאַרקן שוועדן פֿון אייַערט וועגן.

מיר, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, האָבן געטאָן די היימאַרבעט און זענען צוריקגעגאַנגען צו אונדזערע וואָרצלען. במשך דרייַ יאָר האָבן מיר געאַרבעט איבער לייזונגען אויף די הייַנטיקע פּראָבלעמען כּדי צוצוגרייטן שוועדן אויף אומרויִקע צייַטן. מיר זענען איצט אַ תּכליתדיקערע און ווירקעוודיקערע פּאַרטיי. מיט דער אויפֿגאַבע צו פֿאַרבעסערן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פֿון שווער אַרבעטנדיקע מענטשן און צו פֿאַרשטאַרקן דאָס אַחדות אין דער געזעלשאַפֿט.

איצט קומט אייַער ריי.



## אַ שטאַרקע עקאָנאָמיע
## וואָס זעט זיך אָן בייַ אייַך אין טייַסטער

נאָך יאָרן מיט שטאַרקער אינפֿלאַציע, שטייַגנדיקע פּרייַזן פֿון שפּייַזפּראָדוקטן און גרויסע שטייַער־הנחות פֿאַר די רייַכסטע, מוז קומען די ריי פֿון פּשוטע מענטשן מיט געוויינטלעכע אַרבעטן און געהאַלטן. אַ דאַנק אונדזער פּאָליטיק וועלן נייַן פֿון יעדע צען מענטשן בלייַבן מיט מער געלט אין קעשענע.

מיר ווילן באַקעמפֿן די אַרבעטלאָזיקייט וואָס האָט אָקערטש דערגרייכט דעם העכסטן ניוואָ. יעדער וואָס איז מסוגל צו אַרבעטן דאַרף אַרבעטן. שוועדן נייטיקט זיך אין אַן אַקטיוועער און מאָדערנער צוווּקס־פּאָליטיק. דאָס אינוועסטירן אין געזעלשאַפֿטלעכן ווווילזייַן און אינעם קלימאַט־איבערגאַנג וועט שאַפֿן מער שטעלעס איבערן גאַנצן לאַנד.

- אַ סוף צו דער אומיושרדיקער נישט־געדעקטער צייַט בייַם קראַנקן־אורלויב.
- העכערע פּענסיעס פֿאַר די וואָס האָבן געאַרבעט אַ גאַנץ לעבן.
- אַ שטאַרקערן דרוק אויף די בענק און אויף די ריזן פֿון דער שפּייַז־אינדוסטריע.
- שוץ קעגן הויכע עלעקטריע־פּרייַזן.
- אַ פֿאַרגרעסערטן קינדערשטיץ און בחינמע דענטיסטישע השגחה פֿאַר יוגנט.

# שטאַרקע שולוועזן, געזונט־השגחה און סאָציאַל־פֿאַרזאָרג

## פֿאַר אײַך און אײַער משפּחה

איר דאַרפֿט זיך פֿילן זיכער און באַקומען שטיץ און הילף אומאָפּהענגיק פֿון ווו אויפֿן לעבנסוועג איר געפֿינט זיך. צוליב דעם, נייטיקן מיר זיך אין מער פּערסאָנאַל אין דער געזונט־סיסטעם, אין די שולן און אין די סאָציאַלע אַמטן, כּדי מע זאָל האָבן מער צײַט פֿאַר אײַך.

די מלוכישע פֿינאַנצירונג פֿון דער שול איז געלט וואָס מוז בלײַבן אין שול און די לערערס דאַרפֿן מער צײַט פֿאַרן קינד וואָס הייבט אויף די האַנט, ווי אויך פֿאַרן קינד וואָס טוט עס קיין מאָל נישט. מיר וועלן אַרײַנלייגן מער מיטלען אין דער עלטער־השגחה, פֿאַרזיכערן אַז דער פּערסאָנאַל זאָל האָבן בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען און קענען רעדן שוועדיש, ווײַל דאָס עלטערן זיך אין שוועדן דאַרף צוגיין רויִק און זיכער.

- קירצערע וואַרטצײַטן בײַ דער געזונט־באַדינונג.
- מער לערערס אין די שולן.
- רווחים־פֿאַרווער אין פֿאַרשולן און שולן.
- מער פּערסאָנאַל און שפּראַך־תּנאָים בײַ דער עלטער־השגחה.

# אַ שטאַרק געפֿיל פֿון אַחדות און

## אַ גרעסערע זיכערקייט דאָרטן ווו איר וווינט

דאָס פֿאַרברעכערײַ דרינגט וואָס אַ מאָל מער אַרײַן אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן און אָט די באַזונדערש ערנסטע סיטואַציע פֿאָדערט נײַע צוגאַנגען. דערפֿאַר, ווילן מיר פֿאַרצייכענען יוגנטלעכע אין אַ ריזיקאַלישן מצבֿ און אײַנזעצן די כּנופֿיא־פֿירערס דורך אַ געזעץ קעגן מאַפֿיעס.

די סכּנה קומט אויך פֿון אויסלאַנד. דאַרף מען גיך אַנטוויקלען די יכולתן פֿונעם שוועדישן מיליטער, נאָר מיר ווילן גלײַכצײַטיק פֿאַרשטאַרקן וויכטיקע טיילן פֿון דער געזעלשאַפֿט, ווי למשל די באַנגען,דעם געזונט־סעקטאָר, דעם צושטעל פֿון עלעקטריע און שפּײַז. מיר זענען גרייט צוזאַמענצואַרבעטן און שאַפֿן אַ ברייטע פּאָליטישע באַזע כּדי צו שיצן שוועדן.

- פֿאַרטיידיקן די דעמאָקראַטיע און אונדזער לעבן־שטייגער.
- עס וועט אויסגעברייטערט ווערן די טאָטאַלע פֿאַרטיידיקונג.
- אַ שטרענגע האַנט קעגן פֿאַרברעכערײַ און זײַנע סיבות.
- אַ מאַפֿיע־געזעץ וועט אײַנזעצן כּנופֿיא־פֿירערס אין תּפֿיסה.
- אין שוועדן טאָרן נישט זײַן קיין אויסגעשטעלטע געגנטן.

וועגן אונדזער פּאָליטיק לגבי אַנדערע תּחומען קענט איר לייענען אויף socialdemokraterna.se